# תורה נבֿיאים וכתובֿים
## תּרגום ייִדיש פֿון יהואש

# יוֹאֵל

א 1 דאָס וואָרט פֿון גאָט וואָס איז געווען צו יוֹאֵל דעם זון פֿון
פּתוּאֵלן:

2 הערט דאָס צו, איר זקנים,
און פֿאַרנעמט אַלע באַווינער פֿון לאַנד:
איז אַזוי וואָס געשען אין אײַערע טעג,
צי אין די טעג פֿון אײַערע עלטערן?
3 דערציילט וועגן דעם אײַערע קינדער,
און אײַערע קינדער צו זייערע קינדער,
און זייערע קינדער צו דעם אַנדער דוֹר.
4 וואָס איז געבליבן פֿון דעם וואָרעם
האָט אויפֿגעגעסן דער היישעריק,
און וואָס איז געבליבן פֿון דעם היישעריק
האָט אויפֿגעגעסן דער גראָזפֿרעסער,
און וואָס איז געבליבן פֿון דעם גראָזפֿרעסער
האָט אויפֿגעגעסן דער גריל.
5 כאַפּט זיך אויף, שיכּורים, און וויינט,
און יאָמערט, אַלע טרינקער פֿון ווײַן,
אויף דער טרויבנזאַפֿט
וואָס זי איז פֿאַרשניטן געוואָרן פֿון אײַער מויל.
6 וואָרום אַ פֿאָלק איז אַרויפֿגעקומען אויף מײַן לאַנד,
מאַכטיק און אָן אַ צאָל;
זײַנע ציין זײַנען ציין פֿון אַ לייב,

און באַקציינער פֿון אַ לייבינטע האָט ער.
7 ער האָט געמאַכט מײַן ווײַנשטאָק צו וויסט,
און צו שפּענדלעך מײַן פֿײַגנבוים;
אָפּגעהוילט הויל האָט ער אים און אַנידערגעוואָרפֿן,
זײַנע צווײַגן זײַנען ווײַס געוואָרן.
8 קלאָג ווי אַ יונגפֿרוי אָנגעגורט מיט זאַק
נאָך דעם מאַן פֿון איר יוגנט.
9 פֿאַרשניטן געוואָרן איז אַ שפּײַזאָפּפֿער און אַ גיסאָפּפֿער
פֿון דעם הויז פֿון גאָט;
עס טרויערן די כּהנים,
די באַדינער פֿון גאָט.
10 פֿאַרוויסט געוואָרן איז דאָס פֿעלד,
עס טרויערט די ערד,
וואָרום פֿאַרוויסט געוואָרן איז די תּבֿואה,
אויסגעטריקנט האָט דער ווײַן,
אײַנגעגאַנגען איז דאָס אייל,
11 צו שאַנד זײַנען די אַקערלײַט,
עס יאָמערן די ווײַנגערטנירער,
אויפֿן ווייץ און אויפֿן גערשטן;
וואָרום דער שניט פֿון פֿעלד איז פֿאַרלאָרן.
12 דער ווײַנשטאָק איז פֿאַרטריקנט,
און דער פֿײַגנבוים איז פֿאַרוועלקט;
דער מילגרוים, אויך דער טייטלבוים און דער עפּלבוים,
אַלעביימער פֿון פֿעלד, זײַנען פֿאַרטריקנט;
יאָ, אויסגעטריקנט האָט די פֿרייד פֿון די מענטשנקינדער.
13 גורט אײַך אָן און קלאָגט, איר כּהנים,
יאָמערט, איר באַדינער פֿון מזבח;
קומט נעכטיקט אין זאַקקליידער,
באַדינער פֿון מײַן גאָט,
וואָרום פֿאַרמיטן איז פֿון אײַער גאָטס הויז
אַ שפּײַזאָפּפֿער און אַ גיסאָפּפֿער.
14 הייליקט אַ פֿאַסטטאָג,
רופֿט אַן אײַנזאַמלונג,
קלײַבט צונויף די עלטסטע,
אַלע באַווינער פֿון לאַנד,
אין הויז פֿון יהוה אײַער גאָט,

און טוט שרײַען צו גאָט.
15 ווײ אויף דעם טאָג!
וואָרום נאָנט איז דער טאָג פֿון גאָט,
און ווי אַ בראָך פֿון אַלמאַכטיקן קומט ער.
16 פֿאַר וואָר, פֿאַר אונדזערע אויגן
איז פֿאַרשניטן די שפּײַז;
פֿון אונדזער גאָטס הויז, די פֿרייד און די לוסטיקייט.
17 אײַנגעדאַרט זײַנען די זאָמען
אונטער זייערע גרודעס,
וויסט געוואָרן זײַנען די שפּײַכלערס,
אײַנגעפֿאַלן זײַנען די שײַערן
וואָרום אויסגעטריקנט איז די תּבֿואה.
18 ווי קרעכצט די בהמה!
צעטומלט זײַנען די סטאַדעס רינדער,
וואָרום ניטאָ פֿאַר זיי קיין פֿיטערונג;
אַפֿילו די סטאַדעס שאָף זײַנען פֿאַרוויסט.
19 צו דיר, גאָט, טו איך רופֿן,
וואָרום אַ פֿײַער האָט פֿאַרצערט
די פֿיטערפֿלעצער פֿון מדבר,
און אַ פֿלאַם האָט צעפֿלאַקערט
אַלע ביימער פֿון פֿעלד.
20 אַפֿילו די בהמות פֿון פֿעלד שמאַכטן צו דיר,
וואָרום אויסגעטריקנט זײַנען די גראָבנס וואַסער,
און אַ פֿײַער האָט פֿאַרצערט
די פֿיטערפֿלעצער פֿון מדבר.

ב 1 בלאָזט אַ שופֿר אין צִיון,
און שאַלט אויף מײַן הייליקן באַרג,
זאָלן ציטערן אַלע באַוווינער פֿון לאַנד,
וואָרום דער טאָג פֿון גאָט קומט אָן,
וואָרום ער איז נאָנט;
2 אַ טאָג פֿון חושך און פֿינצטערניש,
אַ טאָג פֿון וואָלקן און נעבל,
ווי אַ שוואַרצקייט אויסגעשפּרייט אויף די בערג;

אַ גרויס פֿאָלק און אַ מאַכטיקס,
אַזאַ ווי ער איז ניט געווען פֿון אייביק אָן
און וועט נאָך אים מער ניט זײַן
ביז די יאָרן פֿון דור-דורות.
3 אים פֿאַרויס פֿאַרצערט אַ פֿײַער,
און הינטער אים פֿלאַקערט אַ פֿלאַם;
ווי דער גאָרטן פֿון עֵדֶן איז דאָס לאַנד פֿאַר אים,
און הינטער אים אַ מדבר אַ וויסטער,
און צו מאָל קיין אַנטרינונג איז ניטאָ פֿון אים.
4 ווי דאָס אויסזען פֿון פֿערד איז זײַן אויסזען,
און ווי רײַטער אַזוי לויפֿן זיי.

5 ווי דאָס גערויש פֿון רײַטוועגן,
איז זייער שפּרינגען אויף די שפּיצן בערג;
ווי דער קנאַל פֿון אַ פֿלאַמפֿײַער
וואָס פֿאַרצערט שטרוי;
ווי אַ פֿאָלק אַ מאַכטיקס
געגרייט צו מלחמה.
6 פֿאַר אים ציטערן פֿעלקער,
אַלע פּנימער האָבן אָנגענומען אַ פֿינצטערניש.
7 ווי גיבורים לויפֿן זיי,
ווי מלחמה-לײַט קלעטערן זיי אויף דער מויער,
און איטלעכער אין זײַנע וועגן גייען זיי,
און זיי פּלאָנטערן ניט זייערע שטעגן.
8 און איינער דעם אַנדערן שטויסן זיי ניט,
איטלעכער אין זײַן שליאַך גייען זיי,
און דורך וואָפֿן וואַרפֿן זיי זיך,
און ווערן ניט געשעדיקט.
9 זיי שפּרינגען אויף דער שטאָט,
זיי לויפֿן אויף דער מויער,
זיי גייען אַרויף אין די הײַזער,
זיי קומען דורך די פֿענצטער ווי אַ גנבֿ.
10 פֿאַר אים ציטערט די ערד,
שטורעמען די הימלען;
די זון און די לבֿנה ווערן שוואַרץ,
און די שטערן נעמען אַרײַן זייער שײַן.

11 און גאָט לאָזט אַרויס זײַן קָול
פֿאַרויס פֿאַר זײַן חיל;
וואָרום זייער גרויס איז זײַן מחנה,
וואָרום מאַכטיק איז דער וואָס טוט זײַן באַפֿעל;
וואָרום גרויס איז דער טאָג פֿון גאָט און מוֹראדיק זייער,
און ווער קען אים אויסהאַלטן?
12 אָבער נאָך איצט, זאָגט גאָט,
קערט אײַך אום צו מיר מיט אײַער גאַנצן האַרצן,
און מיט פֿאַסטן און מיט געוויין און מיט קלאָג;
13 און צערײַסט אײַער האַרץ און ניט אײַערע קליידער,
און קערט אײַך אום צו יהוה אײַער גאָט,
וואָרום ער איז לײַטזעליק און דערבאַרימדיק,
אײַנגעהאַלטן אין צאָרן, און רײַך אין גענאָד,
און ער האָט חרטה אויף דעם בייז.
14 ווער ווייס, אפֿשר ווידער וועט ער חרטה האָבן,
און לאָזן אַ ברכה הינטער זיך –
אַ שפּײַזאָפּפֿער און אַ גיסאָפּפֿער
פֿאַר יהוה אײַער גאָט.

15 בלאָזט אַ שופֿר אין ציוֹן,
הייליקט אַ פֿאַסטטאָג,
רופֿט אַן אײַנזאַמלונג;
16 זאַמלט אײַן דאָס פֿאָלק,
פֿאַררופֿט די עדה,
קלײַבט צונויף די זקנים,
זאַמלט אײַן די קליינע קינדער,
און די וואָס זייגן די ברוסט;
זאָל דער חתן אַרויסגיין פֿון זײַן קאַמער,
און די כּלה פֿון איר געצעלט.
17 צווישן דעם פֿאָליש און דעם מזבח
זאָלן וויינען די כּהנים, די דינער פֿון גאָט,
און זאָלן זיי זאָגן:
דערבאַרים זיך גאָט אויף דײַן פֿאָלק,
און זאָלסט ניט געבן דײַן אַרב צו שאַנד,
אַז פֿעלקער זאָלן זיך ווערטלען איבער זיי;

נאָך וואָס זאָל מען זאָגן צווישן די אומות:
אַוווּ איז זייער גאָט?

18 און גאָט האָט זיך אָנגענומען פֿאַר זײַן לאַנד,
און האָט זיך דערבאַרימט אויף זײַן פֿאָלק.
19 און גאָט האָט געענטפֿערט און געזאָגט צו זײַן פֿאָלק:
זעט, איך שיק אײַך תּבֿואה און ווײַן און אייל,
און איר וועט זיי האָבן צו זאַט;
און איך וועל אײַך מער ניט געבן צו שאַנד בײַ די פֿעלקער.
20 און דעם צפֿונדיקן וועל איך דערווײַטערן פֿון אײַך,
און וועל אים פֿאַרשטויסן אין אַ לאַנד פֿון טריקעניש און וויסטעניש,
מיט זײַן פּנים צום פֿעדערשטן ים,
און זײַן עק צום הינטערשטן ים;
און זײַן פֿוילגערוך וועט אויפֿגיין,
און זײַן געשטאַנק וועט אויפֿגיין,
ווײַל ער האָט גרויס זיך פֿאַרנומען.

21 זאָלסט ניט מוֹרא האָבן, ערד,
פֿריי זיך און זיי לוסטיק,
וואָרום גרויס געטאָן האָט גאָט.
22 איר זאָלט ניט מוֹרא האָבן, בהמות פֿון פֿעלד,
וואָרום די פּיטערפּלעצער פֿון מדבר זײַנען באַגראָזט,
וואָרום דער בוים טראָגט זײַן פֿרוכט,
דער פֿײַגנבוים און דער ווײַנשטאָק גיבן זייער קריפֿט.
23 און איר קינדער פֿון צִיוֹן, זײַט לוסטיק און פֿרייט זיך מיט יהוה אײַער גאָט,
וואָרום ער גיט אײַך דעם פֿרירעגן ריכטיק;
יאָ, ער מאַכט נידערן פֿאַר אײַך רעגן,
פֿרירעגן און שפּעטרעגן אין ערשטן חודש .
24 און די שײַערן וועלן פֿול זײַן מיט תּבֿואה,
און די קעלטערן וועלן איבערלויפֿן מיט ווײַן און אייל.
25 און איך וועל אײַך אָפּצאָלן די יאָרן
וואָס דער הײשעריק האָט אויפֿגעגעסן,
דער גראָזפֿרעסער, און דער גריל, און דער וואָרעם,
מײַן גרויס חיל וואָס איך האָב אָנגעשיקט אויף אײַך.
26 און עסן וועט איר עסן און זאַט זײַן,

און איר וועט לויבן דעם נאָמען פֿון יהוה אײַער גאָט,
וואָס האָט געטאָן מיט אײַך וווּנדערלעך;
און מײַן פֿאָלק וועט אויף אייביק ניט פֿאַרשעמט ווערן.
27 און איר וועט וויסן אַז איך בין צווישן ישׂראל,
און איך בין יהוה אײַער גאָט, און מער איז ניטאָ;
און מײַן פֿאָלק וועט אויף אייביק ניט פֿאַרשעמט ווערן.

ג 1 און עס וועט זײַן נאָך דעם,
וועל איך אויסגיסן מײַן גײַסט אויף יעטוועדער לײַב,
און אײַערע זין און אײַערע טעכטער וועלן נבֿיאות זאָגן,
אײַערע זקנים וועלן חלומות חלומען,
אײַערע בחורים וועלן זעונגען זען.
2 און אויך אויף די קנעכט און אויף די דינסטן
וועל איך אויסגיסן מײַן גײַסט אין יענע טעג.
3 און איך וועל ווײַזן וווּנדער אין הימל און אויף דער ערד,
בלוט און פֿײַער און זײַלן רויך.
4 די זון וועט פֿאַרקערט ווערן אין פֿינצטערניש,
און די לבֿנה אין בלוט,
איידער עס קומט דער טאָג פֿון גאָט,
דער גרויסער און דער מוֹראדיקער.
5 און עס וועט זײַן,
איטלעכער וואָס וועט רופֿן דעם נאָמען פֿון גאָט,
וועט אַנטרונען ווערן,
וואָרום אויף באַרג צִיון און אין ירושָלַיִם
וועט זײַן אַן אַנטרינונג,
אַזוי ווי גאָט האָט געזאָגט;
און די געבליבענע וועלן זײַן די וואָס גאָט טוט רופֿן.

ד 1 וואָרום זע, אין יענע טעג און אין יענער צײַט,
אַז איך וועל אומקערן די געפֿאַנגענשאַפֿט פֿון יהודה און
ירושָלַיִם,
2 וועל איך אײַנזאַמלען אַלע פֿעלקער,

און איך וועל זיי מאַכן נידערן אין טאָל פֿון יהוֹשָפָ־ט,
און איך וועל זיך דאָרטן משפּטן מיט זיי
פֿאַר מײַן פֿאָלק און מײַן אַרב ישׂראל,
וואָס זיי האָבן זיי צעשפּרייט צווישן די פֿעלקער,
און צעטיילט מײַן לאַנד.
3 און אויף מײַן פֿאָלק האָבן זיי גורל געוואָרפֿן,
און געגעבן אַ ייִנגל פֿאַר אַ זונה,
און אַ מײדל פֿאַרקויפֿט פֿאַר ווײַן, און געטרונקען.

4 און וואָס זײַט איר מיר גאָר, צור און צידון,
און אַלע געגנטן פֿון פּלֶשֶת?
צי פֿאַרגעלטונג צאָלט איר דאָס אָפּ פֿון מײַנעטוועגן?
איז, אויב איר פֿאַרגעלט דאָס פֿון מײנטעוועגן,
וועל איך אײַליק גיך אומקערן
אײַער פֿאַרגעלטונג אויף אײַער קאָפּ;
5 וואָס מײַן זילבער און מײַן גאָלד האָט איר צוגענומען,
און מײַנע בעסטע גלוסטיקייטן געבראַכט אין אײַערע פּאַלאַצן
6 און די קינדער פֿון יהודה און די קינדער פֿון ירושָלַיִם
האָט איר פֿאַרקויפֿט צו די קינדער פֿון די יוָנים,
כּדי זיי צו דערווײַטערן פֿון זייער געמאַרק.
7 זעט, איך דערוועק זיי פֿון דעם אָרט
וואָס איר האָט זיי פֿאַרקויפֿט דאָרטן,
און איך וועל אומקערן אײַער טוונג אויף אײַער קאָפּ.
8 און איך וועל פֿאַרקויפֿן אײַערע זין און אײַערע טעכטער
אין דער האַנט פֿון די קינדער פֿון יהודה,
און זיי וועלן זיי פֿאַרקויפֿן צו די שבֿאים, צו אַ ווײַטן פֿאָלק,
וואָרום גאָט האָט גערעדט.

9 רופֿט דאָס אויס צווישן די פֿעלקער,
ברייט אָן אַ מלחמה,
וועקט אויף די גיבורים;
זאָלן גענענען, זאָלן אַרויפֿגיין
אַלע מענער פֿון מלחמה.
10 שמידט אײַערע אַקעראײַזנס אויף שווערדן,
און אײַערע צווײַגמעסערס אויף שפּיזן;
דער שלאַפֿער זאָל זאָגן: אַ גיבור בין איך.

11 אײַלט און קומט אַלע פֿעלקער פֿון רונד אַרום,
און לאָמען זיך אײַנזאַמלען;
אַהין מאַך נידערן, גאָט, דײַנע גיבורים!
12 זאָלן זיך דערוועקן די פֿעלקער און אַרויפֿגײן
צום טאָל פֿון יהושָפֿט
וואָרום דאָרטן וועל איך זיצן
צו משפּטן אַלע פֿעלקער פֿון רונד אַרום.
13 לייגט צו דעם שנײַדמעסער,
וואָרום צײַטיק איז דער שניט;
קומט טרעט,
וואָרום פֿול איז דער קעלטער,
די קובלען לויפֿן איבער;
וואָרום גרויס איז זייער בייז.

14 מחנות, מחנות אין טאָל פֿון גזר!
וואָרום נאָנט איז דער טאָג פֿון גאָט אין טאָל פֿון גזַר.
15 די זון און די לבֿנה וערן שוואַרץ,
און די שטערן נעמען אַרײַן זייער שײַן.
16 און גאָט וועט ברילן פֿון ציון,
און פֿון ירושָלַיִם וועט ער אַרויסלאָזן זײַן קָול,
און שטורעמען וועלן הימל און ערד;
אָבער גאָט וועט זײַן אַ באַשיצונג פֿאַר זײַן פֿאָלק,
און אַ פֿעסטונג פֿאַר די קינדער פֿון ישׂראל.
17 און איר וועט וויסן אַז איך, יהוה אײַער גאָט,
רו אויף ציון, מײַן הייליקן באַרג;
און ירושָלַיִם וועט זײַן הייליק,
און פֿרעמדע וועלן מער ניט דורכגײן אין איר.

18 און עס וועט זײַן אין יענעם טאָג,
וועלן די בערג טריפֿן זאַפֿט,
און די הייכן וועלן איבערגיין מיט מילך,
און אַלע גראָבנס פֿון יהודה וועלן איבערגיין מיט וואַסער.
און אַ קוואַל וועט אַרויסגיין פֿון גאָטס הויז,
און וועט אָנטרינקען דעם טאָל שִטים.
19 מִצרַיִם וועט אַ וויסטעניש ווערן,
און אֶדום וועט אַ וויסטער מדבר ווערן,

פֿאַר דעם אומרעכט צו די קינדער פֿון יהודה,
וואָס זיי האָבן פֿאַרגאָסן אומשולדיק בלוט אין זייער לאַנד.
20 אָבער יהודה וועט זײַן אייביק באַזעצט,
און ירושָלַיִם אויף דור-דורות.
21 און וואָס איך וועל שענקען, זייער בלוט וועל איך ניט שענקען;
און גאָט טוט רוען אין צִיוֹן.

© 2005 Dworkins and Leonard Prager. All Rights Reserved.